STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12037

LIDER BUKH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Donated in Memory of
Joseph Rosen

לידער בוך

געזאמעלטער רעפערטואר

פון

פרייהייט געזאנגס פאריין

דעצעמבער 9טן, 1923

שיקאגא

פ א ר ל א ג

פרייהייט געזאַנגס פאריין

און

פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער

שיקאַגאָ

פאָרוואָרט

אין די בייליגענדע זאמלונג פון לידער, ליגט אונדזער געשיכטע. יעדעם ליד, איז א נערוו פון דעם פראָלעטארישען קערפּער, וואָס רופט זיך — „פרייהייט געזאנגס פאריין". יעדער פערז איז דורכגעזאַפּט מיט בלוט און מעסיראס־נעפעש, וואָס האָט געקאָסט פיל פון אונ־דזערע כאוויירים און כאווערטעס, צו דערגרייכן דאָס וואָס אונדזער אָרגאַניזאציע איז איצט.

ווייל פול מיט שטערונגען איז איצט דאָס לעבן, פאר קולטורעלער בויאונגארבעט, אָבער אונדזערע כאוויירים צוזאמען מיט אונדזער אומדערמידליכן דיריגענט כאווער י. שייפער, האָט ניט געפעלט אימ־פעט און אקשאָנעס אלץ דורכצעברעכן, אבי אוועקצושטעלן אונדזער אָרגאַניזאציע אין גלאנץ און פראכט. דער נאָמען פון „פרייהייט געזאַנגס פאריין"קלינגט שוין אָפּ אין די ווייטסטע ווינקלען פון לאנד, צוליב איר איבערגעבענע אינטענסיווע ארבעט, זי האָט זיך דערוואָר־בן א נאָמען אלס אַן אָרגאַניזאציע, וועלכע שטייט אויף דער וואך און קעמפט געטריי, פאר די קולטורעלע באדערפנישן פון די ברייטע אי־דישע אַרבעטער־מאסן, און האָט זיך געשטעלט צו דינסט דער „וואָר־קערס פּארטיי" וועלכע איז די איינציקע רעוואָלוציאָנערע ארבעטער פּאַרטיי אין אַמעריקע, וועלכע פארטרעט און קעמפט פאר די אינ־טערעסן פונם אַרבעטער־קלאַס.

דאָס זאמלונג ביכל מיט לידער, איז א רוף, צו דער ברייטער אידי־שער אַרבעטער־מאסע, פאר רעוואָלוציאָנערע, קולטורעלע דערוואכונג, אויפצוהויבן זיך פון די פינצטערע פארשקלאפונג פון קאפּי־טאליזם, און דערמוטיקן דעם ארבעטער פאר רעוואָלט געגן דער פיזי־שער און גייסטיקער שקלאַפעריי.

דער פרייהייט געזאַנגס פאַריין, באַווייזט, אַז עס איז אַ ליגן די באַהויפּטונג: „אַז דער אַרבעטער איז אַ געיאַרשענטער שקלאַף און ער קען קיין פרייער מענטש ניט זיין, מיט ברייטע קולטורעלע באַדערפנישן".

ניט נאָר קען דער אַרבעטער-קלאַס, צעשטערן, האַסן און פאַרניכטן, נאָר אויך קען ער: בויען, שאַפן און ליבן. ליבן די וועלט, די קונסט און אַלץ וואָס טראָגט אין זיך האַרמאָניע און שיינקייט, פאַרניכטן דעם זייבער פון דעם קלאַס, וואָס האָט אים פאַרשקלאַפט, און אַלץ וואָס איז מיעס און פאַרדאָרבן.

זאָלן די לעזער ניט ווערן איבעראַשט, לעזנדיק, די בייליגנדע לידער, וועט איר זיך באַגעגנען מיט עטוואָס נייס, און וועט ביי געוויסע לעזער, צוליב געוואוינהייט אַרויסרופן אומאַנגענעמליכקייט, דאָס איז, אין באַצוג די געענדערטע נייע אָרטאָגראַפיע, די געגעבענע רעוואָלוציע וועלכע איז אויפגענומען געוואָרן פונם „פרייהייט גזאַנגס פאַריין", דאַרף אויפגענומען ווערן מיט פרייד און באַגייסטערונג פון יעדן עמעם דענקענדן אידישן אַרבעטער.

מיר האָבן באַשלאָסן אַז אויסער דעם וואָס מיר טרעטן אויף אין דער עפענטליכקייט, זאָל זיך אויך הערן אין יעדן אידיש אַרבעטער הויז, דאָס פּראָלעטאַרישע ליד, צוליב דעם צוועק האָבן מיר געלאָזט פאַרטיק מאַכן אַ רעקאָרד, וואו דער כאָר, האָט איינגעזונגען „די קוזניע" און די אַרבעטער הימנע „דעם אינטערנאַציאָנאַל".ביידע לידער אַראַנזשירט פון י. שייפער. אויסער דעם וועלן פאַרקויפט ווערן, נאָטן פון „די קוזניע", אַראַנזשירט ספּעציעל פאַר איינצעלנע, כאָר און פּיאַנאָ.

מיר ווילן ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די אידישע אַרבעטערשאַפט צו אונדזער אינסטיטוציע, דאָס קליינע ביכעלע מיט געזאַמעלטע לידער איז בלויז אַן אָנזאָג, פאַר אונדזער ווייטערע אַרבעט אָפן געביט פון רעוואָלוציאָנערע מוזיק,

די מוזיק פון דער צוקונפט, וועלכע וועקט און רופט, די אַרבעטער מאַסן, צו אַ ברידערליך האַרמאָנישע וועלט. די מוזיק פון רעוואָלו-

ציע און קאָמוניזם, וועלכע ברענגט צוימען און צערייסט מיט דעם שוואונג פון קלאַנג, די קייטן, וואָס צאַמען דעם אַרבעטער־קלאַס, צו א שענערע און בעסערע וועלט.

אונדזער מאָטאָ

מיט שוואונג פון געזאַנג
און דורך דער קראַפט פון קלאַנג
דריקן מיר אויס,
אונדזער פאַרלאַנג.

פאַרוואַלטונג ראַט
פון פרייהייט געזאַנג פאַריין
און מאַנדאָלין אָרקעסטער.

באמערקונג: אייניקע פון די געזאַמלטע לידער וואָס ווערן היינט ניט געזונגען און זיינען אריין אין רעפּערטואַר, זיינען געזונגען געוואָרן אין צייט פון סטרייקן, ארבעטער קעמפע, א. א. וו.

דער אינטערנאציאָנאַל

שטייט אױף איר אַלע אַלע שקלאַפּן,
פון הונגער אומעטום צעשפּרייט;
דער גייסט ער קאָכט, ער רופט צום וואָפן,
צום שלאַכט אונדז פירן איז ער גרייט.

דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און אנטשידענער שטרייט,
מיט דעם אינטערנאציאָנאַל
שטייט אױף, איר אַרבעט־לייט.

דער אַרבעט־מאַן וועט זיין מאַמשאַלע,
פאַרשפּרייטן אױף דער גאַנצער ערד
און פאַראַזיטן די מאַפּאַלע
באַקומען וועלן פון זיין שווערד.

דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער ,א. א. וו.

א. רייזין.

מיר ברעכן

די אויגן פול צאָרן, פארגאָסן מיט בלוט,
די הערצער זיי שלאָגן מיט קראפט און מיט מוט —
מיר שטייען בא א הויכער געמויערטער וואנט,
מיט האמערס און אייזנס און לאמען אין האנט,
מיר ברעכן, מיר ברעכן די אייזערנע וואנט.

די וואנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פארצאמט אונדז די וועגן צום לעבן און גליק,
פארשטעלט אונדז די ליכטיקע שיין און זי מאכט
פון פריילאכסטן טאָג אונדז א טרויעריקע נאכט —
מיר ברעכן, מיר ברעכן די אייזערנע וואנט.

און פאלט פון דער שטיינערנער וואנט ווען אראָפּ
א שטיין, צו א ציגל טרעפט וועמען אין קאָפּ,
די איבעריקע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און ארבעטן ווייטער, מען לויפט ניט אוועק.

מיר ברעכן, מיר ברעכן.

די ארבעט דארף דויערן, די ארבעט איז שווער, —
פארזאמלט זיך ברידער, קומט אלע אהער!
זאָל יעדערער צולייגן פעסט נאָר זיין האנט —
מיר וועלן די הויכע געמויערטע וואנט

צעברעכן, צעברעכן!

א. ר י י ז י ן.

דאָס נייע ליד

און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שאָלעם,

דאָך קומען וועט,
צו פרי, צו שפּעט,
די צייט — עס איז קיין כאָלעם!

איך הער דאָס ליד —
פון ליבע און פרייד
די מעכטיקע געזאַנגען.

און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט אָן:
די זון איז אויפגעגאַנגען.

עס עקט די נאַכט.
די וועלט דערוואַכט,
פול האָפנונג, לוסט און שטרעבן.

דו הערסט אין לופט
א שטימע רופט:
צו מוט און קראַפט, און לעבן! . . .

א. רייזין.

אָרימעס לעבן

אָרימעס לעבן, נאָר שטענדיג זיך מאַטערן,
שטענדיק צו לעבן אין נויט!
קויכעס די יונגע, די פרישע צו פּאַטערן,
זוכנדיק טרוקענעס ברויט!

וואָגלען און וואַנדערן, וואו טאָגן ניט נעכטיקן,
נעכטיקן ניט וואו געטאָגט!
הערן דאָס שפּעטן פון בייז — נידערטרעכטיקן,
שווייגן, קיין וואָרט ניט געזאָגט!

בוקן זיך,בויגן זיך נידעריק, נידעריק,
ברעכן דעם קערפּער אף האַלב;
רעדן טאַכנונים און ווייזעענדיק, ציטעריק
בעטן באַם גאָלדענעם קאַלב! . . .

שטיקן פאַרלאַנגען און שטרעבונגען קרעפּטיקע
שטיקן און דריקן אין האַרץ!
בלומען פון יוגנט, די פרישע, די זאַפטיקע,
לאָזן צעטרעטן אף שוואַרץ! . . .

א. רייזין.

אָ, צי זיך, צי זיך

אָ צי זיך, צי זיך ,ארבעט־פּאָלק,
אָ צי זיך, ווייט און לאַנג,
וועק אויף אין גאַס די טויבע לייט
מיט לידער און געזאַנג.
גיי דורך די גאַס, גיי דורך דעם מאַרק,
באַווייז, ווי גרויס דו ביסט און שטאַרק.

אָ צי, אָ צי זיך ארבעט־פּאָלק,
און זינג און קלינג און רוף!
פון פילע שוואַכע מידע לייט,
ווערט איין געזונטער גוף —
אַ גוף. וואָס קעמפט מיט נייע קראַפט
און נייע לעבן־וועגנס שאַפט.

אָ צי, אָ צי זיך ארבעט־פּאָלק,
דיין צאָרן־ליד הויב אָן —
דאָס ליד וואָס האָט געדרימלט שטיל
פון לאַנגע יאָרן אָן.
זינג ארויס דיין ווי, זינג ארויס דיין האַס
און זאָל דערמאָנען זיך די גאַס.

א. רייזין.

הוליעט, הוליעט

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
פריי באהערשט די וועלט,
ברעכט די צווייגן פון די בוימער,
טוט וואָס אייך געפעלט.

רייסט די לאָדן פון די פענצטער,
שויבן ברעכט ארויס,
ברענט א ליכטל ערגיץ טונקל,
לעשט מיט צאָרן אוים.

טרייבט די פויגל פון די וועלדער
און פאַריאָגט זיי פאָרט;
די, וואָס קענען ווייט ניט פליען,
טויט זיי אפן אָרט.

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
איצט איז אייער צייט,
לאנג וועט דויערן דער ווינטער,
זומער איז נאָך ווייט!

מאַרטירער-בלוט

און ווען ער האָט די וועלט באַקלערט,
ווי פאַלש זי איז און שלעכט,
ווי אַלעס איז אין אים פאַרקערט
און פינצטער און פאַרקנעכט —
און ווען ער האָט די וועלט באַקלערט,
דאַן האָט עס אומגעזאַמט
זיין רו געראַובט, זיין פרייד געשטערט,
זיין יוגנט אים פאַרסאַמט.
און עס האָט געדריקט אים לאַנג און שווער,
און סהאָט פון אים אַמאָל
אַרויסגעריסן היים אַ טרער,
אַ ריינע, ווי קריסטאַל.
און ווען ער האָט דאָס שלעכטס דערקענט,
איר הערשאַפט ווילד און וויים, —
דאַן האָט זיין זעלע אויפגעברענט,
צום גרויסן העלדן־שטרייט.
ער שטרייט און פעכט מיט שטאָלצן מוט
די סאָנים לינקס און רעכטס
און ביז זיין לעצטן טראָפּן בלוט,
און ביז זיין לעצטן קרעכץ.
עס הילכט דער קרעכץ, עס פאַלט דער העלד,
געענדיקט איז זיין שטרייט.
ער ליגט אַ קאַלטער, טויט אין פעלד,
די שווערד פאַרשלײדערט וויים.
און סלאָזן זיך די הינט אַרויף
אויף דעם מאַרטירערס בלוט,
מיט אימפּעט ווילדן וואוט,
אויף דעם מאַרטירערס בלוט.
און סטראַגט פאַנאַנדער ברייט און גרויס
דאָס בילן, דער געשריי,

אף דעם מארטירערס בלוט,
פארטויבענדיק דאָס לאַנד דורכאויס
און שוידערליך אזוי.
עס הערט דאָס צו, דאָס פאָלק ארום,
און סנעמט אים דורך א גרויל
און בלייבט דערשראָקן דול און שטום,
פארשטיקט אין דער ערד דאָס מויל.
און עס דריקט, ווי פריער, שווער דער יאָך
און סמאטערט זיך און קוועלט,
און שווערער נאָך, און וויסטער נאָך,
דאָס לעבן אף דער וועלט.
און עס גייט אוועק א לאַנגע צייט
און מיסט פארשיט דאָס פעלד,
וואו סהאָט געפלאַקערט היים דער שטרייט,
געפאלן איז דער העלד.
און סגייט אוועק א לאַנגע צייט
און ראָסט עסט אויף דעם שווערד,
און עס דוכט זיך עס בלייבט ניט מער פון שטרייט,
קיין זייכער אף דער ערד.
נאָר ניין ! אך, עס קען ניט, עס גייט ניט פארלאָרן
קיין איינציקער טראָפן פון הייליקן בלוט,
וואָס איז אזוי איידל געאָפפערט געוואָרן
אין ענדלאָזער ליבע, און ענדלאָזן מוט.
עס גייט ניט קיין איינציקער טראָפן פארלאָרן:
עס האָט אים, ווי די גאנצע נאטור, ווי געשוואוירן —
דער שטויב און דער רעגן, דער ווינט און דער שטראַל,
זיי זאָלן אין אלערליי צייטן אים היטן,
אים זאָל ניט פארשווינקען, פארשטויבן, פאשיטן,
אים זאָל ניט פאשלינגען די ערד, אינבעראַל.
עס בייט נאכאנאנד די נאטור זיך און בייט,
עס דארבט און עס שטארבט אלץ פון לינקס און פון רעכטס.
ער איינער נאָר בלייבט אלץ, שוואך אין די צייט

און שוואך קעגן אים זענען בייזהייט און שלעכטס.
און העל, ווי דער גייסט, וואָס מאַרטירער באַזעלט,
און ווי די טרער אפן שמערץ פון דער וועלט,
און ווייס, ווי די ברענענדע יוגנט אליין,
דורך שטורם און ראַש, דורך כאַראַמעס און גזיירעס,
דורך קייטן מיט צאַרעס, דורך ציילן מיט דווירעס,
ער שלענגלט און ציט זיך און קען ניט פאַרגיין.
עס הערשט א טיפע נאַכט אַרום,
באַלויכטן נאָר פון גאָלד,
באַלויכטן פאַר געצאָלט.

עס ליגט דער טראָפּן אף דער ערד
און שאָטן איבעראַל;
עס זעט דאָ זעלטן ווער זיין ווערט,
עס פאַלט אף אים קיין שטראַל.
דאָך ווען די זון וועט אויפגיין העל
אויך איבער אונדזער לאַנד,
וועט ווערן דאַן פון טראָפּן שנעל
א ליכטיקער בריליאַנט.

וואו שפיגלען וועט זיך צויבערהאַפט
אין פאַרבן רייך און פיין,
א וועלט מיט פּראַכט, א וועלט מיט קראַפט,
א וועלט מיט מאַרטער שיין.

און מענטשן וועלן דאַמאָלט גיין
זיך וואַרמען פאַר דעם שיין,
וואָס וועט פון בלומען הימליש ריין
און הימליש שטראַלנד זיין.

מוועט גיין צו אים פון יעדער זייט
מיט ליוב און דאַנק געזאַנג,
און ליכטן וועט זיין בייספּיל ווייט
דורך דוירעס — דוירעס לאַנג.

א. ליעסין.

וואָלקנס

און דער אוונט איז ווילד און פאַראומערט
און דאָס האַרץ איז מיט אַנגסט איבערפילט
און די וואָלקנס, זיי יאָגן דערשראָקן,
אין געהיימנים און חוישאך פאַרהילט.

און דער הימל איז פול מיט באַוועגונג,
פול בעהאַלע און פינצטערע מאַכט
און די וואָלקנס, זיי יאָגן און יאָגן
און פאַרשווינדן אין שטורם און נאַכט.

אַזוי פליען די טעג און די יאָרן
דורך די טאָלן פון יאָמער און פיין,
אַזוי טראָגן זיך דוירעס נאָך דוירעס
אין דעם אייביקן גאַרניט אַריין.

אַזוי גייען די לעבנס צום קייווער,
אין געהיימנים און כוישאך פאַרהילט
און דער אוונט איז ווילד און פאַראומערט
און דאָס האַרץ איז מיט אַנגסט איבערפילט.

א. רייזין.

קירכן-גלאָקן

אָ, וואָס קלינגט איר קירכן-גלאָקן!
הערט שוין אויף! געגוג געשראָקן
האָבן אייערע ווילדע טענער
אונזער ארעמע וועלט!

אייערע טענער, דאכט זיך, רופן
צו פארברענען מענטשן-גופן
אָף די הויכע עשאפאָטן,
וואָס איר האָט געשטעלט!

אייערע טענער רופן הענקער
צו כּאַרטירן יעדן דענקער,
יענעם קאָפּ אראָפּצוהאַקן,
וועלכער בייגט זיך!

איי, איר ווילט די וועלט פארוויגן,
מיט א טרויער-טויטען ניגון
און פארדעקן מיט א מאנטל
פון א יעזואיט!

כ׳האָב א נייעם גלאָק באשאפן,
צו דערוואכן טויטע, שקלאפן,
ניט אין קירכן, — אין דער לופטן
הענג איך אים ארויף,
ניט צו שרעקן, נאָר צו וועקן
גאָר די וועלט אין אלע עקן
קלינגט ער מוטיק, רופט ער פריילין:
„שטייט צום לעבן אָף!“ . . .

א. ליעסין.

די לענא

אין לאנד, וואו ס'קייקלט די לענא
איר מעכטיקן וואסער דעם קאלטן —
דארט שטייט זיך א קליינינקע יורטע,
אין אייביקע שנייען באהאלטן.

זי שטייט דארט, א שפיל פאר'ן שטורם,
פארוואָרפן אין מיטן דעם פעלד;
דארט שמאכטעט אין שרעקלאכן עלענט.
אפן שטארבנד בעטל דער העלד.

עס ציט זיך די לאנגע אגאָניע —
דער קאמף מיט דער שווינדזוכט אן סאָף —
און עס מאטערט דעם בלאסן מארטירער
א שווערער אומרואיקער שלאָף.

און סכאָלעמט זיך אים פון א פרילינג,
וואו בלוי איז דער הימל-געצעלט;
דארט איצט, אין זיין היימאט, דער ווייטער —
דארט שיינט זיך די זון אף דער וועלט.

א. ליעסין.

אהין, אהין . . .

אהין דערהויבט זיך מיין זעלע,
ארויף צו יענעם שיינעם לאנד,
וואו פריש און מעכטיק שלאָגט די קוועלע
פון העלסטן, לויטערסטן פארשטאנד.

וואו לייכט און מונטער גייט דאָס לעבן,
און פריי און שטרעבנד איבעראל,
און שטאָלץ די הויכע גייסטער שוועבן
אין שטראַלן-שיין פון אידעאל.

וואו אימער פריילינג בליט די יוגנט
און אימער מאָרגן שטייט די צייט,
און פול מיט העלדנמוט און טוגנט,
און פול מיט ליבע און מיט שטרייט.

וואו גרויס און הייליק איז דאָס פילן,
און גליקלאך איז זאָגאר דער שמאָרץ,
און ס'וויים פון גרעניצן ניט דער ווילן,
און סוויים פון אומעט ניט דאָס הארץ.

יהואש.

ביין האַשמאָשעס

פארבאָרגענע פינגער באדופטן דעם רוים,
א קוויקנדער באַלזאם פון ערגעץ נעמט רינען;
געהיימע כּאַלוימעס אין מארעווס גארדין,
פון זאפּראָן און פורפּער זיך שפּינען . . .

עס הויכט פון אומענדלאכע וועלטן א ליד,
און אייביקע שטילקייטן הויבען אָן רעדן;
די ערד קושט דעם הימל און נאכט קושט דעם טאָג,
און גאָט פון זיין טראָן קושט זיי ביידן . . .

א נעבל-טול וועבט זיך ארוים פונם טייך,
און גרייזלט זיך איבער פארשלאָפענע וועלן;
דער וואסער-פאל פינקעלט מיט בלוטיקן גלאנץ,
און שפּרינקלט מיט רויטע קארעלן . . .

אַף זיידענע זאנגען פאלט זאפטיק דער טוי,
אין בלוילאכע שאָטנס זיך הילן די טאָלן,
און קעגן דעם פּערל-קאָלירטן געוואנט
די בוים-שפּיצן שארפער זיך מאָלן . . .

די ווערבע הייגגט מיד אירע צווייגן אראפ,
און שלאגט אין געריויטעלטן וואסער זיך אפ . . .
א קראליק לויפט האסטיק אריבער דעם שטעג,
און שפרינגט דורך די פעלדער אוועק
ביז ער שימערט פון ווייט, ווי א פלעק,
און דאן ווערט פארשוואונדן
אהין, וואו א בראנד
האט דעם ראנד
פון דעם הימל געצונדן . . .

פון איהר פלייסיקער יאגד,
פול געפאקט, א בין
א פארשפעטיקטע קערט זיך אום,
מיט א שוואכן געזום,
צו איר רו,
און כאפט אף איר גאנג,
וואו-ניט-וואו,
נאך א לעצטן געטראנק . . .

א פיפס און אפלאטער—
און דאן ווערט אלץ שטום . . .
אן אטעם א מאטער
פרעסט אוים פון די פלאנצן,
דעם גאנצן
נעבליבענעם רעשט פון פארפיום . . .

אָ, זאָג:
יענע פּראכט—
איז עס טאָג,
איז עס נאַכט? . . .

עס איז דער כיין
פון פארגיין,
עס איז דער טויט, וואָס איז שיין . . .
עס איז דער גייסט,
וואָס זיך ווייזט,
ווען דער קערפּער צעפאַלט . . .
עס איז א טאָן, וועלכער שאַלט,
ווען יעדע מוזיק איז פארקלונגען . . .
עס איז דאָס הארץ פון דער וועלט,
וואָס זיין טאָם איבערקווועלט,
און איז ארויף צו די שטערן געדרונגען . . .

עס איז ניט טאָג,
עס איז ניט נאַכט—
עס איז עפּיס, וואָס שמאַכט . . .

עס איז אַ קלאַנג,
אין אַ שלוכצן פאַרשטיקט . . .
עס איז אַ גאַט צו ווייטיק אַנציקט . . .
עס איז אַ פרייד,
וועלכע וויינט
שטילערהייט . . .
עס איז די לוסט און די פּיין,—
עס איז די נאַכט און דער שיין,
וועלכע זיינען פאַרייניט,
און געוואָרן
פון פאָרן
איז יעדע באַשיינט . . .

עס איז אַ שלאָף
און אַ וואַך־זיין צעזאַמען,
עס איז אַ סאָף
און אַן אָנהויב פון ווערן—
אַ לעשן פון פלאַמען,
און אַ צינדן פון שטערן . . .

עס איז אַ לויב און אַ דאַנק,
און עס איז אַ באַגערן . . .
עס איז אַ געזאַנג,
אין אַ האָרכן און הערן . . .

עס איז אַ וועל,
וועלכע האָט זיך צעגאָסן
און שימערט און שוימט . . .
און שימערט און שוימט . . .
עס איז אַ זעל,
וועלכע האָט זיך פאַרשלאָסן, און טרויערט און טרוימט . . .

י. ב. ביילין.

פרילינג־ווערק

א פריי זיך נאקעט אינזל,
און קוועלט אן איר וואלד און פעלד:
דער פרילינג מיט זיין פינזל ,
באמאלט די גאנצע וועלט. . .

דער שטורם ווערט פארשוויגן,
און עס פארשווינדט די קעלט:
דער פרילינג מיט זיין ניגן
באזינגט די גאנצע וועלט.

די הימלען פון פרייד שאלן,
קיין וואלקן מער פארשטעלט :
דער פרילינג מיט זיינע שטראלן,
באשפריצט די גאנצע וועלט.

א פריי זיך וויסטע נעשאמע
און קוועל אן, דו ארים הארץ :
דער פרילינג, מיט זיין נאכאמע
לינדערט יעדן שמארץ.

די ברוסט ווערט א גערא‏מע,
עס דריקט און עס פיינט ניט מער. . .
דער פרילינג, ווי א מאמע,
ווישט אויס פון אויג א טרער. . . .

עס הויבט זיך א באנער א רויטער,
עס פלאקערט א ברענענדיקער קריג:
דער פרילינג מיט זיין טרומייטער
רופט צום קאמף, צום זיג !

י. ב. ביילין.

ייזקער

אין זיגרייכן פייער און שיקערן גליק,
און פאַנען באַדעקטע מיט רום און מיט גלאַנץ
פאַרגעסט ניט די העלדן פון יאָרן צוריק —
אויף זייער קברים צו לייגן אַ קראַנץ. . .

די העלדן, וואָס האָבן זיך אויף טליעס געוויגט
דערנידעריקט, געשענדעט, פאַרשמיסן ביז בלוט. . .
וואָס האָבן דעם טויט אין די אויגן געבליקט
מיט דרייסטקייט און שטאָלץ און העלדישן מוט —

די וואָס זענען געפאַלן אין ביטערן שלאַכט,
אין די בעסטע און בליהענדסטע יאָרן,
וואָס האָבן אין פינצטערע טורמעס געשמאַכט
און טיראַניש געפייניקט געוואָרן. . .

ייזקער — איר ריינע און טייערע נעשאָמעס —
מיר וויקלען די פאָן די רויטע אין שוואַרץ.
מיר וועלן אייך, הייליקע קאָרבאָנעס
פאַרשליסן טיף בײַ אונדז אין האַרץ!

י. ב. ביילין.

גליקלאַכע סעקונדן!

שווימט לאנגזאַם, ווי א כאַלעם, איר גליקלאַכע סעקונדן,
און ווי אַ קישעף שיפל זיך זאנפט און רואיק וויגט!
אַן אומזעבאַרע האַנט האָט שטערן אָנגעצונדן!
אַ, לעשט ניט אויס די שטערן פון הערצער פול אנטציקט,
זאָל וועבן די באַרוישונג, זיך ענדלאָך אָן עק. . .
און זאָל אַ ציטער פיבערן געמישט פון פרייד און שרעק. . .
און זאָלן ליפּן טוליען זיך, ווי וואסער אָן דעם ברעג!

שווימט לאַנגזאַם, ווי א כאַלעם, איר גליקלאַכע סעקונדן,
ניט איילט און ווערט פארגליווערט אזוי ווי אונדזער קוש. . .
עס האָבן זעלן צוויי אין ליבע זיך פאַרבונדן.
עס האָבן נערוון פול פאַרקניפּט זיך אין איין קוש. . .
שטיל זאָל זיין און ס'זאָל זיך די אידיליע ווייטער ציען.
און לאַנגזאַם, ווי אַ מאַלעך שוועבן און ניט פליען,
עס זאָל דאָס ליבעס פייער נישט פלאַקערן, נאָר גליען.

י. ב. ביילין.

די פאָן

צו הערט איר ניט דעם שאַל פון טראָמפּייט
דעם קריג רוף צו דער פרייהייטס גרויסער שלאַכט?
שוין איז די שטאָלצע פאָן צעשפּרייט!
דער סוינע גייט! דער סוינע גייט! שטייט אויף, דערוואַכט!

שוין איז די פאָן אין פעלד,
זי גליט ווי פייער רויט. . .
די טרייע פריינט ארום
צו באַשיצן גרייט!
די פאָן, וואָס ניט איין העלד
מיט זיין הארץ פארשטעלט,
וואָס, ווי אַן ערשט-
געבוירן בלום,
זיך צעשפּרייט!
צו הערט איר ניט, א. א. וו.

די פאָן, וואָס ניט איין ברוסט
האָט פלאַטערן געמאַכט,
מיט זעלן-פרייד און לוסט;
ניט איין טיראַנען-מאַכט
גערוט האָט ניט ביינאַכט
און ציטערן געמוזט!
און ווידער שוועבט זי דרייסט
אין ביטערן שטרייט
און איבער קעפּ זיך קרייזט. . . . .
עס קומט דער טאָג דאָך אָן,
ווען זיך דער מענטש באַפרייט
און אייזן-קייטן רייסט
פון קערפּער און פון גייסט!
דער טאָג קומט אָן
פון רעוואָלוציאָן!
צו הערט איר ניט, א. א. וו.

י. ב. ביילין.

מיט גאָלדענע אויסיעס

(צום בונד!)

האָסט מיט גאָלדענע אויסיעס דיין פאָן גענייט
און שיין איר, און ריין איר געטראָגן געוויית
אין שטורעמס, אין ביטערע געפלאַטערט, געוויית—
אזוי שטאָלץ אונטער איר זיך געשלאָגן!

האָסט מיט גאָלדענע אויסיעס דיין בלעטל געשריבן
אין אייביקן בוך פון דער צייט . . .
יעדער אָס, ווי א דימענט, א פערל געקליבן,
וואָס פינקלט און גלאַנצט פון דער וויים . . .

האָסט מיט גאָלדענע אויסיעס דיין דענקמאָל געקריצט
און הויך אים און שטארק אים געבויט . . .
יעדער אָס, ווי א ווינקענדער שטערן, עס בליצט—
און טויוולט זיך אָפטמאָל אין רויט . . .
האָסט מיט גאָלדענע אויסיעס געלערנט די קנעכט
צו לעזן דעם בוך פון דעם לעבן . . .
און וואפן צו קעמפן פאַר פרייהייט און רעכט
האָסטו זיי געשארפט און געגעבן.

האָסט מיט גאָלדענע אויסיעס דיין פאָן גענייט
און שיין איר און ריין געטראָגן,
אין שטורעמס אין ביטערע געפלאַטערט געוויית—
אזוי שטאָלץ אונטער איר זיך געשלאָגן!

י. ב. בײלין.

מענדעלע מוכער ספאָרים

רײס קריע, מײן פאָלק, שיט אש אפּן קאָפּ
און פארצי דײן פאָרױכעס מיט שװאַרצן;
קער איבער דעם שפּיגל, די שיך צי אַראָפּ
און שלאָג זיך מיט פױסט אין האַרצן.

און שרײַ אױס דײן קאַדיש, אז טרײסלען זיך זאָלן
די הימלען און פאַרציטערט װערן!
פאַרזונקען די זון זאָל דאָרט ערגיץ אין טאָלן
און צעפאַלן זיך זאָלן די שטערן.

רײס קריע, מײן פאָלק: האָסט פארלאָרן דײן זײדן.
און צי דײנע שיך פון די פיס דיר אַראָפּ!
רײס קריע, דו עלענטער יאָסעם אין לײדן:
אַרונטערגעריסן איז די קרױן דיר פון קאָפּ!

רײס קריע, מײן פאָלק... ברומט קלאָגעדנס אין כאָר.
פון אױג ז'שװין אױסגערונען די לעצטע הײסע טרער;
פון קאָפּ ז'שװין אױסגעפּליקט די לעצטע גרױע האָר —
ניטאָ קײן װײען-קרעכץ אין דער ברוסט שױן מער! —

מיט ערפורכט די פליגל מאַלאָכים עס נױגן
און שטעלן אַרום זיך דעם טײערן טױטן...
דעם קאָפּ טוט די אידישע אַרבעט אױך בױגן,
און װיקעלט אין שװאַרצן איר באַנער דעם רױטן.

רײס קריע, מײן פאָלק, שיט אש אפּן קאָפּ
און צי דײנע שיך פון די פיס דיר אַראָפּ.

י. ב. ביילין.

די מאַנטלמאַכער

(געזונגען אין צייט פון שניידער סטרייק)

די באַטאַליאָנען מאַנטל-שניידער,
גאַנץ לאַנג צעשניטן און צעטיילט,
זיי האָבן איינקייט געווײלט,
געווײלט אלס גלייכע צארעס — לײדער.
מען גיט זיך הענט און הערצער ווײליק,
דערהויבענדיג דעם שאַפערס ראַנג,
באַקראַנצט מיט העלדישקייט־פאַרלאַנג
זיך ניט אוועקצוגעבן ביליק:
לאַנג אומזיסט דעם יאָך געשלעפּט,
דאָך מיר האָבן אויסגעשעפּט,
אונדזער שיינע אַכדעס־פּאָן,
מאַכט א וועג! מיר קומען אָן.
די באַטאַליאָנען בלייבע שטעפּער,
וואָס צאַפּלען, טרוימען אויס פון טוך;
וואָס האָבן קוים א קלייד, א שוך;
וואָס שוויצן אין די דומפּע שעפּער —
זיי האָבן אויסגעשעפּט דעם כאַלעם,
דעם גרויסן כאַלעם אפן וואָר,
וואָס הייסט ניט געבן האָב און גאָר
אין שקלאַפן-העל צו די טייוואָלים.
לאַנג אומזיסט דעם יאָך געשלעפּט, א. א. וו.

עס וועלן ארבעטס-באטאליאָנען,
די העלדן פון דעם קליידער־פאַך —
ניט מער פארגיין אין עלנד'ס שמאַך,
זיי קומען זייערע חובות מאָנען.
עס שיינט און גלאַנצט דורך טויזנט פענסטער
די פרוכט, וואָס מאטערט און צעברעכט;
וואָס קליידט דעם איידעלן געשלעכט
און צאָלט א לוין וואָס איז דער קלענסטער.
לאנג אומזיסט געפוצט די וועלט
לאנג געגריסט דעם מאַן פון געלט,
קומט די אכדעם רייך געקליידט
קומט אין קאמף פון זיג באגלייט.

י. ב. ביילין.

מיר שניידער, מיר שניידער

(געזונגען אין צייט פון שניידער סטרייק)

מיר שניידער, מיר שניידער, מיר שניידן און ליידן,
און ווייען, און נייען פיל סאמעט און זיידן
פאר פרעמדע פאר פרעמדע אליין. . . .
מיר שניידער, מיר שניידער, מיר שטעפן און שלעפן
די טאטשקע פון צארעס אף שיבעלנע טרעפן
מיט אונדזערע אייגענע ציין! . . .
מיר שניידער, מיר שניידער!

מיר שניידער, מיר שניידער — נאר ספלאצט די געדולט;
מיר הויבן אן זוכן פונוואנען די שולד, —
צי איז זי פון גאט גאר א שטראף? . . .
מיר שניידער, מיר שניידער, מיר שערן און קלערן,
און סטרעפט אויך, עס הויבן זיך אן גיסן טרערן
און פאלן און פלעקן די שטאף. . . .
מיר שניידער, מיר שניידער!

מיר שניידער, מיר שניידער, מיר נייען פארביטערט,
און בלאס ווי די נאדל וואס אין מאשין ציטערט
און נערוועז אזוי אויך און דאר. . .
מיר שניידער מיר שניידער מיר פרעסן מיט צארן:
ער גלים, ווי דער אייזן, וואס האט אים געבארן
און קרעפטיק אזוי אויך און שטאר. . .
מיר שניידער, מיר שניידער!

מיר שניידער, מיר שניידער, מיר פלאצן פון קאס
און סטאפן די ארבעט, ארונטער אין גאס,
ארונטער אין ביטערן שטרייט!
מיר שניידער, מיר שניידער, מיר ווערן געשאסן:
און הילכיג נאך ראכע עס שרייט:
מיר שניידער, מיר שניידער!

מ. ראזענפעלד.

אָ, פרייהייט!

צו דיר, אָ פרייהייט! רייַנער קוואַל
פון פריידן ליכטיקע און שטילע,
פליט אונדזער ליד, פון טרערן מיד,
פאר דיר צעגיסט זיך אונדזער טפילע:

קום ליבע, טרייע, קום צו אונדז!
און, ווי די שארפע פייל פון בויגן,
וועט טאָן א שלאָג דיין העלער טאָג
אין די טאַליאַנימס בייזע אויגן.

צו דיר אָ פרייהייט א. א. וו.

ווי אייזן הארט און שווער ווי בליי,
וועט זיי דיין פרישער ווינט צעדריקן,
א טויט שטראָף זיין וועט זיי דיין שיין,
דיין ריינע לופט וועט זיי דערשטיקן.

צו דיר, אָ, פרייהייט! קלאָרער קוואַל
פון פריידן ליכטיקע און שטילע,
פליט אונדזער ליד, פון צאָרן מיד
און פלאמען גיסט זיך אונזער טפילע.

מ. ראזענפעלד.

דורך טייכן בלוט

דורך טייכן בלוט און בערגער טויטע
דערשיין איך ווי א ווייסע בלום;
די ווארצלען מיינע זיינען רויטע
מיין בליאונג אטעמט מיט פארפום.

איך בין די פרייהייט פון די מאסן,
איך בין דער מענשהייטס איידעלע שפראך;
איך בין דאס רעכט פון ארימע מאסן,
איך האלט די ארימע מאסן וואך!

איך בין די קרוין פון וועלטס געוויסן.
די דייע בין איך און די קראפט,
איך האב די דוירעס דורכגעריסן,
צו קומען צו דעם מאן, וואס שאפט.

איך בין די שיינע בלום פון שאלעם
איך בין דער עמעס און דאס רעכט;
איך בין דער פילגעווינשטער באלעם
פון די בארויבטע, ארימע קנעכט. . .

מ. ראָזענפעלד.

מיר זענען פרייהייט-סאָלדאַטן

מיר זענען סאָלדאַטן אין פרהייט־ארמיי
און שטייען גאַנץ פעסט אין די רייען —
מיר קומען באפרייען די וועלט פון איר וויי,
די מענשהייט פון קנעכטשאפט באפרייען.
באגייסטערט מיט עמעס, באלאדן מיט מאַכט,
מארשירן מיר קעגן הארמאטן —
מיר קומען אין זון-שיין פארוואנדלען די נאַכט,
מיר קומען, ווי בראַווע סאָלדאַטן.

מיר האָבן דורך דוירעס געטראגן די נויט
און שטיל און גערולטיק געשוויגן.
עס האָט דער רייכער געמאַטערט צום טויט,
געטראָטן, געריבן, ווי פליגן.
נו, קומען מיר זאָגן דעם מאכטיקן „האלט"
און ווארפן א שרעק אויף דעם זאטן. . .
מיר קומען צעשטערן די הערשאַפט פון גוואַלט
און קומען, ווי בראַווע סאָלדאַטן!

י. עדעלשטאט.

מיין צעוואָע

אָ, גוטע פריינט! ווען איך וועל שטאַרבן
טראָגט צו מיין קייווער אונדזער פאָן —
די פרייע פאָן מיט רויטע פאַרבן,
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעט־מאַן!

און דאָרט אונטער דעם באַנער דעם רויטן
זינגט מיר מיין ליד, מיין פרייעס ליד!
מיין ליד אין קאַמף, וואָס קלינגט, ווי קייטן —
פון דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און איד.

אויך אין מיין קייווער וועל איך הערן,
מיין פרייעס ליד, מיין שטורם־ליד,
אויך דאָרט וועל איך פאַרגיסן טרערן,
פאַר דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און איד!

און ווען איך הער די שווערדן קלינגען
אין לעצטן קאַמף פון בלוט און שמאַרץ,
צום פאָלק וועל איך פון קייווער זינגען
און וועל באַגייסטערן זיין האַרץ!

י. עדעלשטאט.

וואכט אויף!

ווי לאנג, אָ ווי לאנג, וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפּן
און טראָגן די שענדלאכע קייט!?
ווי לאנג וועט איר גלענצענדע רייכטימער שאפן
פאר דעם, וואָס בארויבט אייער ברויט?

פריידיקט די פרייהייט פון קאמף באריקאדן!
דערקלערט די טיראנען א קריג!
מוט און אנשלאָסנקייט, בראווע קאמעראדן,
וועלן אייך פירן צום זיג!

און אלעם וועט לעבן, ליבן און בליען
אין פרייהייטס גאָלדענעם מאַי!
ברידער! געגוג פאר טיראנען צו קניען,
שווערט! דאָס איר מוזט ווערן פריי!

קלינגט איבעראל אין די פרייהייט-גלאָקן,
פארזאמלט די ליידענדע קנעכט!
און קעמפט באגייסטערט, קעמפט אומדערשראָקן
פאר אייערע הייליקע רעכט!

י. עדעלשטאַט.

דער אוונט גלאָק

אַ, מוזע, רוף מיך ניט! מיט דיינע צויבערפינגער
וועק ניט די סטרונעס פון מיין קראנק הארץ! —
פארמישפּעט איז צום טויט דיין בלאסער זינגער,
צום סאָף איז דאָס ליד פון קאמף און שמארץ!

זיין וועג געוועזן — איז שווער, ער האָט אָף אים באגעגנט
דערנער, שטיינער, פארלוימדונג, הונגער, קעלט. —
עס האָט געבליצט, געדונערט און גערעגנט —
און ער האָט אָנאויפהער געוואנדערט אָף דער וועלט.

איצט קלאַפּט דער טויט אין זיין לעבנס-קאַמער
ער זאָגט: צום סאָף איז דיין ארבעט-טאָג!
פארלעש דיין פייער לייג אוועק דיין האַמער!
קום! דו הערסט? . . . עס קלינגט דער אָוונט-גלאָק!

עס קלינגט דער אָוונט-גלאָק! יא, איך הער אים קלינגען,
מיין טויט-אורטייל הער איך אין זיין קלאנג. —
און לעבן ווילט זיך . . . עס ווילט זיך טרוימען, זינגען,
קעמפן געגן יעדן שקלאפנצוואנג! . . .

איך וואָלט געוואָלט, אַ פאָלק! דיין רויטן זעגל
נאָך מאכן רויטער מיט מיין הארצן-בלוט . . .
און, ווי א לייב מיט זיינע שארפע נעגל,
דיין פיינט באקעמפן מיט שטאָלצן העלדנמוט!

דאָך, וואָס נוצן די הייליקסטע פארלאנגען!
צו ענדע איז מיין לעבנטאָג! —
צו ענדע — טרוימען, טרערן און געזאנגען,
עס רופט דער טויט, עס שלאָגט דער אָוונט-גלאָק.

י. ל. סלאָנים.

אַרבעטער-ברידער

אָ, אַרבעטער ברידער, דערהויבט זיך, דערוואַכט
און מאַכט צו די צאָרעס אַן ענד!
עס לייכט שוין אין מיזראַך, עס שווינדעט די נאַכט;
עס עפנט די ברעמען דער מאָרגן אין פּראַכט.
אַ שנעלער דערהויבט זיך מיט שטורמישער מאַכט!
זאָל זיין צו די לײדן אַן ענד.

אָ, זעט אײערע קינדער, פאַרצאַגט און פאַרבלאַסט;
די אויגן פאַרשוואָלן און רויט.
אָ, זעט אײער ברודער, ווי ער שמאַכטעט און פאַסט,
כאָטש לאַנג זינט ער טראָגט שוין די שרעקלאַכע לאַסט,
דאָך וויים ער קיין פרייד ניט און לויפט אַלץ מיט האַסט
צום בײזן צום פינצטערן טויט.

דערהויבט זיך, איר מאַסן! אָט איצט איז די צייט
באַפרייען דעם ברודער און זעלבסט זיין באַפרייט
און מאַכן אַן ענד צו די לײדן.
עס קלינגען די טאָלן עס קלינגען די בערג
אַ אַרבעטער מאַסן דערוואַכט!
עס שמייכלט פון הימל די הערלאַכע זון
אָ, אַרבעטער מאַסן, דערוואַכט!
דערוואַכט! דערוואַכט!

הערוועג

און דו אקערסט און דו זייסט

און דו אקערסט און דו זייסט
און דו פיטערסט און דו נייסט
און דו האמערסט און דו שפּינסט,
זאָג, מיין פאָלק, וואָס דו פארדינסט?

נאָר וואו איז דיין טיש געגרייט?
נאָר וואו איז דיין יאָנטעוו קלייד?
נאָר וואו איז דיין שארפע שווערט?
וועלכעס גליק איז דיר באשערט?

מאַן פון ארבעט, אויפגעוואכט!
און דערקען דיין גרויסע מאכט!
ווען דיין שטארקע האנט נאָר וויל,
שטייען אַלע רעדער שטיל.

ש. אנסקי.

די שוואוע

ברידער און שוועסטער פון ארבעט און נויט,
אלע וואס זענענצעזייט און צעשפרייט —
צוזאמען! צוזאמען! די פאן איז גרייט,
זי פלאטערט פון צארן, פון בלוט איז זי רויט!
צום שוואוע! צו שוואוע, אף לעבן און טויט!
הימל און ערד וועט אונדז הערן;
איידעס די ליכטיקע שטערן,
א שוואוע פון בלוט און פון טרערן!
מיר שווערן! מיר שווערן!

הימל און ערד וועט אונדז הערן;
איידעס די ליכטיקע שטערן.
א שוואוע פון בלוט און פון טרערן!
מיר שווערן! מיר שווערן!

מיר שווערן צו קעמפן פאר פרייהייט און רעכט
מיט אלע טיראנען און זייערע קנעכט!
מיר שווערן — באזיגן די פינצטערע מאכט,
אדער מיט העלדנמוט פאלען אין שלאכט!

הימל און ערד א. א. וו.

מ נ ה ב.

מיר טראָגן א געזאַנג

מיר טראָגן א געזאַנג
און וועקן מיט זיין קלאַנג.
אין בלוט — א יונגן מוט,
אין האַרץ — א גרויס פאַרלאַנג.

שטילע שטייען אויף,
מיט נייעם לעבנ-דראַנג,
גייען צו דער זון אַקעגן,
מיט געזאַנג.

באַ די וועלכע שלאָפן שטיל,
וועקן מיר א שטאַרק געפיל;
שטייט אויף! שטייט אויף! זייט געגרייט,
צום נייעם לעבן דרייסטער גייט.

שובערטס סערענאַדע

(אידיש פון מ. ל. האַלפּערן)

מיינע לידער שיקן טפּילעס דורך דער נאַכט צו דיר,
שיין איז איצט אין גאָרטן, שטיל איז — קום צו מיר,
בוימער רוישן, קוים צו הערן אין לעוואָנע שיין:
קיינער וועט אונדז דאָ ניט שטערן דאַרפסט אין שרעק ניט זיין.

הערסט וויינען נאַכטיגאַלן, הערסטו עס מיין קינד?
זיי דערציילן פון די קוואַלן, וואָס איך לייד אצינט.
נאַכטיגאַלן קאָנען שפּירן בענקשאַפט, ליבע־וויי;
ווען זיי ווילן הערצער רירן, וויינען, זינגען זיי.
עפּנ־זשע דיין האַרץ, דאָס קליינע, שטוים מיך ניט צוריק,
קום צו מיר, דו איינציק איינע קום, אָ קום מיין גליק.

א. מאשקאוויטש.

פייערגלוט

עס איז געשען!
און אנדערש זיין האָט ניט געקענט
— — — — — — — —
עס האָבן זיך די זיילן פון דער וועלט
פון צאָרנוויי
געגליט און אנגעגליט,
געגליט און אנגעגליט,
יובל איין יובל אויס,
יאָרן איין, יאָרן אויס,
ביז ס'האָבן זיך די זיילן פון דער וועלט
פון צאָרנוויי׳
אין א פייערגלוט צערברענט! . . . .
און איצטער ברענט די וועלט!

און ברענט
אין מיזראָך-ראַנד,
אין מיירעוו-ראַנד
און צאפן ראַנד.
איין רויטער פייער־פלאם,
איין רויטער פייער־גלוט!
און איר, וואָס האָט דעם אויל מיט שמייכל אָנגעגאָסן,
און איר, וואָס האָט מיט אייערע הענט דאָס ברענ-האָלץ אָנגעריבן —
איר ציטערט איצט
אין פיבער-קעלט
ווי קליינע פיש אָן וואסער
און מיר —

די זיילן פון דער וועלט
פון צאַרנוויי
צעגליטן האס,
מיר פּראַלן אונדזער פייערגלוט
אין הויכער הויך,
און רויטן רויך.
אף גאנצער וועלט
און וואו נאָר, וואו עס איז פאראַן
אן אלטער גאָט.
א קעניג־קרוין —
אף אש פארברענט!
און פון דעם אש, א זריע ווערט.
און מיר, דאָס שאפנדע פאָלק,
די זיילן פון דער וועלט,
פון צאָרנ־וויי,
פאר זייער וועלזיין,
אף נייער רויטער ערד!
און שפּראָצן וועט פון אונזער פייערגלוט
א נייע וועלט,
א נייע,
טויבן-ווייסע ברודער וועלט.

— — — — —

עס איז געשען!
און אנדערש זיין האָט ניט געקאָנט!

מאני לייב.

אונדזער ליד

ניט פון גאָלד איז דאָס ליכטיקע ליד,
אונדזער ליד, אונדזער ליד;
נאָר ווי גאָלד, איז די פּראַכט, וואָס פאַרבלענדט,
פון דעם ליד, אונדזער ליד.
און דער קישוף, וואָס ליגט אין זיין פּראַכט,
קישעפט וואונדער אין אונדזער הענט:
ווייל דאָס ליד, אונדזער ליד,
איז דאָס ארבעטער ליד.
און די לויכטערע פּראַכט, וואָס פאַרבלענדט,
פון דעם ליד, אונדזער ליד;
אונדזער פריינדשאפט, וואָס לייכט און באַזעלט,
אונדזער קאמף פאר א שענערע וועלט —
אונדזער ליד,
אונדזער ליד,
אונדזער ליכטיקעס ליד;
אונדזער ליד,
אונדזער ליד,

די מארסעליעזע

(אידיש פון מ. ווינטשעווסקי)

שטייט אויף איר אונטערדריקטע מאסן
און מאכט פון שקלאפעריי אן ענד.
לאזט ניט מער קיין לײדיגייער פרעסן
די פרוכט פון אויסדערוויילטע הענט!
הערט איר ניט, ווי עס רוישן די וואפן
קעגן אונדזערע ברידער אפן גאס?
זעט איר דען ניט, ווי זיי ווערן בלאס
פאר וואוט די בלוט זייגער און פפאפן?
שטייט אויף איר ארבעט-לייט!
דערהויבט זיך מאן נאך מאן,
מארשירט מיט אונדז אין אייניקייט
צום קאמף מיט דעם טיראן.

אין דער קוזניע

(פֿאָלקליד)

אין דער קוזניע, בײַ דעם פֿײַער,
שטייט אַ שמידער און ער שמידט!
ער קלאַפּט דאָס אײַזן, פֿונקען־פֿײַער פֿליִען,
און ער זינגט דערבײַ, אַ ליד.

פֿון דער פֿרײַהייט, וואָס וועט קומען,
זינגט ער מוטיק, זינגט ער הייס;
און ער שפּירט ניט, ווי עס גיסט זיך
פֿון זײַן פּנים טײַכן שווייס.

שטאַרק באַצוויבערט פֿון דער פֿרײַהייט,
זינגט ער ווײַטער, און עס קלינגט!
נאָר דער האַמער קלאַפּט נאָך העכער,
און ער הערט ניט, וואָס ער זינגט.

און די ערד באַצירט מיט בלומען,
זינגט ער ווײַטער זײַן ליד,
אָפּגעקילט איז שוין דאָס אײַזן
און ער קלאַפּט און ווערט ניט מיד.

די בויער

(פֿאָלקליד)

געזיכטער און אָרימס פֿון וועטער פֿאַרברוינטע,
באַוועגונגען זיכערע, מוטיק און שטאָלץ, —
זיי בויען די בויער, צו אַרבעט געוואוינטע,
און האַקן די שטיינער און זעגן די האָלץ.
זיי בויען און זינגען אַ ניגן אַן אַלטן,
סיי זומער דעם הייסן, סיי ווינטער דעם קאַלטן.
מיר בויען, מיר בויען.

מיר בויען פֿון דוירעס פֿאַר דוירעס, וואָס קומען.
באַם בויען ניט איינער געפֿאַלן איז טויט.
די זעג, האַק און האַמער דאָך ניט שטומען
ביז פֿאַרטיק דער בנין וועט שטיין אויפֿגעבויט.
מאַכט שטאַרק דעם פֿונדאַמענט, עס זאָל ניט פֿאַלן,
ברעכט שטיינער, שניידט העלצער, זאָל הילכן און שאַלן.
מיר בויען; מיר בויען.

באַוואָפֿנט זיי שטייען מיט העק און מיט זעגן,
די קליידער פֿאַשמירט אין קאַלך און אין ליים,
אין קעלט און אין היצן, אין זון און אין רעגן,
זיי בויען די בויער אַ היים נאָך אַ היים,
און זינגען געזאַנגען פֿון ליבשאַפֿט און טרויען.
מיר בויען אויף וועלטן, ווען איינער מיר בויען.
מיר בויען, מיר בויען.

איך ווייס ניט

(פֿאָלקליד)

איך ווייס ניט, וואָס האָב איך.
איך ווייס ניט, וואָס פֿעלט מיר;
איך ווייס נאָר — די ליכטיקע
זון איז פֿארשטעלט מיר.

איך ווייס ניט, וואָס זינג איך,
צי ליבע, צי צאָרן;
איך ווייס נאָר — מיין הארץ איז
פֿארסארפֿעט געוואָרן.

איך ווייס ניט, צי לעב איך,
צי בין איך געשטאָרבן;
איך ווייס נאָר — פֿארשימלט
איז אלץ און פֿארדאָרבן.

מיר גייען און זייען

מיר גייען און זייען א פלאמיקן זאמען,
די אויגן צעשטראלן, א דונער אין ליד,
באצארנט, געשלענגלט אומענדלאך די שטיגן,
מיר גייען און גייען, און ווערן ניט מיד.

עס ברומען הארמאטן, עס פייפן גראנאטן,
דער סוינע וויל צאמען די וועגן צום גליק,
זאל בליצן און קראכן, מיר גייען און גייען
און ווייסן קיין שטיגן, וואס פירן צעריק.

מיר גייען אין פייער מיט לידער און פויקן,
די שווערד אין פלאמען פון הארצן געגליט;
זאל ברומען זאל קנאלן, מיר וועלן צעשטויבן
די מעכטיקע צאמען פון הארטן גראניט.

מיר גייען אין גאלעם צום אייביקן פרילינג,
געבענטשטע פון ליידן, געזאלבטע פון נויט.
זאל קראכן, זאל בליצן, אונז רעקט ניט, אונדז שרעקט ניט,
מיר גייען נאך לעבן אף שטעגן פון טויט. . .

שלאָף מיין קינד

(פאָלקליד)

שלאָף מיין קינד, שלאָף קעסיידער,
זינגען וועל איך דיר א ליד,
אז דו מיין קינד וועסט עלטער ווערן,
וועסטו וויסן אן אונטערשיד.

אז דו מיין קינד, וועסט עלטער ווערן,
וועסטו ווערן מיט לייטן גלייך,
דאמאלס וועסטו געוואָר ווערן,
וואָס הייסט אָרים און וואָס הייסט רייך.

די טייערסטע פּאַלאַצן, די טייערסטע הייזער —
דאָס אַלץ מאַכט דער אָרימאַן;
נאָר ווייסטו, ווער עס טוט אין זיי וואוינען?
גאָר ניט דער, נאָר דער רייכער מאַן!

דער אָרימאַן — ער ליגט אין קעלער,
דער ווילגאָטש רינט אים פון די ווענט;
דערפון באַקומט ער א רומאַטן פעלער
אין די פיס און אין די הענט.

די גאָלדענע פּאווע

(פֿאָלקליד)

איז געפֿלויגן די גאָלדענע פּאווע
איבער אַלע יאַמען;
לאָז גריסן מיין טייערן טאַטן
און מיין ליבער מאַמען!

איז געפֿלויגן דער גאָלדענער פֿויגל
איבער אַלע טייכן,
לאָז גריסן מיין ליבן פֿעטער
און דער מומע רייכן!

איז געפֿלויגן די גאָלדענע פּאווע
איבער אַלע גראָבן;
לאָז גריסן מיין טייערן זיידן
און מיין ליבער באָבען!

אן אַלטע קאַשע

(פאָלקליד)

פרעגט די וועלט אן אַלטע קאַשע,
טראַלאַ — טראַרי — ראַדי — ראַם.
ענטפערט מען: טראַדי — רידי — ראַלאַם, טראַדי!

טראַדי — רידי — ראַם,
און אז מען וויל קאָן מען דאָך זאָגן, טראַדי?
בלייבט דאָך ווידער די אַלטע קאַשע:
טראַלאַ — רידי — ראַם.

כאַרגאַדיע
(פאָלקליד)

די ציגעלע, די ציגעלע, הערט אויס, אָוועס וועבאָנים,
דער פאָטער האָט באַצאָלט פאר איר צוויי גילדן מעזומאָנים.
כאַרגאַדיע! כאַרגאַדיע!

א מיינסע מיט א ציגעלע הערט אויס, אָוועס וועבאָנים,
דער פאָטער האָט באַצאָלט פאר איר צוויי גילדן מעזומאָנים;
די אומשולדיקע ציגעלע, זי שפּרינגט ארום אין הויף,
פּלוצלונג קומט א בייזע קאַץ און כאַפּט און פרעסט איר אויף.

די ציגעלע, די ציגעלע, הערט אויס, אָוועס וועבאָנים,
דער פאָטער האָט באַצאָלט פאר איר צוויי גילדן מעזומאָנים.
כאַרגאַדיע! כאַרגאַדיע!

דער הונט האָט פיינט געהאַט די קאַץ
דאָס טרעפט אַל פּי ראָוו;
ער קלערט ניט לאַנג און ער כאַפּט איר אָן
און מאַכט פון איר א סאָף.
דער הונט איז דאָך דעם שטעקן ווערט:
ער איז דאָך בייז און שלעכט;
דער שטעקן גיט אים קלעפּ, ווי באַב,
און מיינט אז ער איז גערעכט!

די ציגעלע, די ציגעלע א .א. וו.

דעם פייער האָט די גאַנצע זאַך אריינגעבראַכט אין צאָרן, —
דער שטעקן פאַלט צו אים אריין
און איז פארברענט געוואָרן.
דאָס וואַסער ליבט דעם פייער ניט; זיי זיינען ניט קיין פּאָר.
עס פליינט דעם פייער ארום און ארום
און לעשט אים אויס ביז גאָר.

די ציגעלע, די ציגעלע א .א. וו.

דער אָקס פֿארשטייט קיין כּאָכמעס ניט:
זיין קאָפּ איז נאָר אין מאָגן;
ער קומט צום וואסער און טרינקט אים אוים,
ווער האָט אים וואָס צו זאָגן!
דער שויכעט גיט מיטן כאַלעף א פיר,
פון אָקס איז ניט געוואָרן.
דער שויכעט מיינט אז יעדער אָקס
איז נאָר פארן כאַלעף געבאָרן!

די ציגעלע, די ציגעלע א .א. וו.

דער שויכעט האָט באקומען זיין לוין
און גאָרניט אף קאטאָוועס!
ער האָט מיט זיין לעבן באצאָלט זיין שולד
אליין דעם מאַלעך־האמאָוועס!
נאָר גאָט, דער הער, האָט שוין באשטימט
די אומרעכט צו פארדארבן
און דער, וואָס ברייינגט ארוים דעם טויט,
זאָל אליין גלייך שטאַרבן.

די ציגעלע, די ציגעלע א .א. וו.

יאַנקעלע מיט ריווקעלען
(פֿאָלקליד)

יאַנקעלע מיט ריווקעלען
האַלטן זיך דערינטער:
יאַנקעלע איז אוועקגעפֿאָרן
אַף א גאַנצן ווינטער.

ריווקעלע האָט געמיינט,
זי וועט אַליין בלייבן,
האָט זי צו אים אָנגעהויבן,
בריוועלעך צו שרייבן.

בריוועלעך צו שרייבן
איז דאָך זייער זיס;
א מאַשקן צו פאַרזעצן —
פון יאַנקעלען א גריס!

בריוועלעך צו שרייבן
איז דאָך זייער שיין;
א מאַשקן צו פאַרזעצן —
נאָר יאַנקעלען צו זעהן!

הער נאָר, דו שיין מיידעלע

(פאָלקליד)

הער נאָר, דו שיין מיידעלע,
הער נאָר דו, פיין מיידעלע,
וואָס וועסטו טאָן אין אזא ווייטן וועג?
וואָס וועסטו טאָן אין אזא ווייטן וועג?

איך וועל גיין אין אַלע גאסן
און וועל שרייען וועש צו וואשן —
אבי מיט דיר צוזאמען זיין.

הער נאָר דו שיין מיידעלע,
הער נאָר דו, פיין מיידעלע,
וואו וועסטו וואשן אין אזא ווייטן וועג?
וואו וועסטו וואשן אין אזא ווייטן וועג?

דו מוזט מיינען, אז איך בין שוואך,
איך קאָן וואשן וועש באם טייך,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין.

הער נאָר, דו שיין מיידעלע,
הער נאָר דו, פיין מיידעלע,
וואו וועסטו עסן אין אזא ווייטן וועג?
וואו וועסטו עסן אין אזא ווייטן וועג?

ברויט מיט זאַלץ וועל איך עסן,
טאטע-מאמע וועל איך פארגעסן,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין.

טרעטי, טרעטי
(פאָלקליד)

טרעטי, טרעטי, טרעטי,
וואָס דיר טרעטי זאַנג ?
קומט א שיינער פויגל
און מאַכט א שיין געזאַנג,
האָט געזונגען, האָט געזונגען,
אין דריי יאָר ארום
דרייט זיך שארע ארום.

שארע האָט זיך ארומגעדרייט;
כאיע האָט זיך דעם קאָפּ פארדרייט —
טרעטי, טרעטי, טרעטי,
וואָס די טרעטי זאנג ?
קומט א שיינער פויגל
און מאַכט א שיין געזאַנג.
האָט געזונגען, האָט געזונגען.
און דריי יאָר ארום
דרייט זך שארע ארום.

כאנע האָט זיך ארומגעדרייט,
ביילע האָט זיך דעם קאָפּ פארדרייט —
טרעטי טרעטי, טרעטי,
וואָס דיר טרעטי זאנג ?
קומט א שיינער פויגל
און מאַכט א שיין געזאַנג.
האָט געזונגען, האָט געזונגען.
אין דריי יאָר ארום,
דרייט זיך שארע ארום.

דאָס מעכטיקע ליד

וואָרט און קלאַנג, פאַרב פון געזאַנג, דאָס איז דער שפּיגל
פון דעם מענטשנס נעשאָמע
אַלץ וואָס דער מענטש פילט און דענקט, ווערט שטענדיק אין
קלאַנגען אויסדערציילט.
אויך דאָס לעבן, שטרעבן, האָפן און פאַרלאַנגען, ליידן און
פריידן פון אַ פאָלק, ווערט אימער אין זיינע לידער,
אין זיין מוזיק אויסגעדריקט.
אונדזער געזעלשאַפט, וועלכע איז צעטיילט אין קלאַסן, האָט,
נאַטירליך, איר קלאַסן־מוזיק געשאַפן.
אָבער דאָס שטאַרקסטע, דאָס מעכטיקסטע וואָס אַפּעלירט, רופט
און וועקט און פּראָטעסטירט, איז דעם אַרבעטערס ליד,
ווייל דאָס ליד פון „אַרבעט און נויט" קומט פון די טיפסטע
טיפענישן פון דער ליידענדער נעשאָמע
כאָטש דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן טרויער, דאָך קלאָגט
ניט דעם אַרבעטערס ליד.
נאָר אַ טרומפּייטען־שאַל, אַ קאַמף־רוף, איז יעדער קלאַנג
וואָס ווערט פון אַ קרעכץ באַגלייט.
מוט און האָפנונג שטראָמט פון יעדען טאָן וואָס רייסט זיך
פון זיין מעכטיקער ברוסט אַרויס.
און אַלץ וואָס דער אַרבעטער פילט און דענקט, האָפט און
שטרעבט, דערציילט ער אין זיינע לידער אויס.

ש. אנ-סקי.

צום „בונד“

אין זאלציגן ים פון די מענטשליכע טרערן
נעפינט זיך א שרעקליכער טעהוים;
ער קען שוין ניט טיפער, ניט פינסטערער ווערן,
אים צייכנט א בלוטיקער שטראָם . . .

דעם טעהוים האָבן טויזענטער יאָרן געגראָבן
עמונע, סינע און פיין,
און טויזנטער יאָרן אַלץ טראפּן נאָך טראָפּן
עס גיסן זיך טרערן דעריין.
און פול איז דער טעהוים . . . דאָס איז אידישע טרערן
נאָר האָט ניט קיין טעות אין זיי:
א בלוטיקע טרער טוט דעם קאבצן געהערן,
דעם נאָגיד א ווייסע ווי שניי

נאָר אייך באַלמלאָכעס, עוויונים, קאבצאנים,
געהערט דאָך דער בלוטיקער טעהוים,
און איירע „ברידער“ די רייכע גאזלאָנים,
געהערט נאָר פון אויבן דער שוים.

די נייע רוסישע הימנע

גענריסט, גענריסט זיי רוסלאנד,
א נייע פרייע צוקונפט
איז דיר פון איצט באשערט.

דו מעכטיקע, דו גרויסע —
א יאַם אָן סאָף, אָן ברעג,
גענריסט זייט פרייהייט-קעמפער
איר'ט קלאָר געמאכט דעם וועג.
גענריסט, גענריסט, א. א. וו.

דערוואכט איר פעלדער, וועלדער,
איר טאָלן, יאַם און טייך!
עס שיינט דער מארגענשטערן
פאר אלעמען אונדז גלייך. . .
גענריסט, גענריסט, א. א. וו.

ר. מייאר.

צוזאמען באווירים

צוזאמען באווײרים, א ליד לאמיר זינגען,
דורך קוילן, גראנאטן זאל הילכן, זאל קלינגען!
געהויבן מיר טראגן פון פרייהייט די פאן —
אויב לעבן, אויב שטארבן, דאס גייט אונז ניט אן.

צעשטערן מיר מוזן דעם סיסטעם פון שווינדל,
גענוג זיך צו פלאגן באם לומפּיק געזינדל,
גענוג שוין געוועזן מיר נאריש און גוט,
גענוג שוין זיך לאזן צו צאפּן דאס בלוט!

אונדז רופט און באגייסטערט א נייע עמונע,
דאס ערדיש גאנײדן א פרייע קאמונע!
וואו סגיבט ניט קיין ארים און אויך ניט קיין רייך —
מיר'ן שאפן געניסן, ווי ברידער צוגלייך. . .

שלאָף מיין קינד

שלאָף מיין קינד, מיין טרייסט, מיין שיינער,
שלאָף מיין זונעניו!
שלאָף מיין קרוין, מיין קאַדיש איינער,
ליולינקע ליו־ליו.

ביי דיין וויגל זיצט דיין מאַמע,
זינגט אַ ליד און וויינט;
וועסט אַמאָל פאַרשטיין מיסטאָמע,
וואָס זי האָט געמיינט.

אין „אַמעריקע“ דער טאַטע
דיינער, זונעניו!
ביזט אַ קינד נאָך, שלאָף לייסאַטע
שלאָף־זשע, שלאָף ליו־ליו.

דאָס „אַמעריקע“ פאַר יעדן,
זאָגט מען, איז אַ גליק,
און פאַר יעדן אַ גאַניידן
עפּיס אָן אַנטיק.
שלאָף מיין קינד, א. א. וו.

אלעקסאנדער בלאק

„צוועלף"

אידיש פון אלטער קאציזנע

שווארצער אָוונט,
ווייס פארשנייט
סווייט און ווייט;
קוים דער גייער פאלט ניט אום,
און דער ווינט ער איז פארלאָפן
אלע שטעגן אום ארום.

דער ווינט האָט צעקרייזט
דעם שנייעלע ווייסן;
דיין שריט איז ניט דרייסט —

א מוירע צו שפרייזן;
דו גייסט אפן אייז.

פון דאך צו דאך,
פון וואנט צו דער צווייטער
א פלאקאט א ברייטער:
„דער גרינדונג-פארזאמלונג די
גאנצע מאכט!"

א זקיינע צעוויינט זיך: פארשטייט ניט דעם פשאט!
צו וואָס אזא גרויסער פלאקאט?
אזא שטיק סכויירע! קאָן טויגן אויף לאטעם.

מען גייט קרוע-בלוע,
די קינדער ווי די טאטעס,
קיין העמד אף א רפוע.

ווי א קוואקע, האט די זקיינע
קוים דעם טיפן שניי געפעלט.
אוי, מאמע, אין הימל איינע.

די באלשעוויקעס ברייננען אום א וועלט!
דער ווינט — ער מיינט ניט אויף צו שפאסן;
דער פראסט ער שטייט ניט אפ.
און דער בורזשוי באם קרייץ פון גאסן
אין קאלנער טיף די נאז באגראבט.

און ווער איז דער? א קאפ האר א געדיכטער,
און שטיל רעדט ער:
„פארעטער!"
„רוסלאנדס קאבראנים!"
א שריפטשטעלער אפאנים,
א דיכטער...

און דער מיט לאנגע פאלעס,
ווי שנעל ער טראגט זיך אפ.
איצט גארניט, וואס אמאל איז,

באוועד פאפ
געדיינקסט נאך די צייטן:
געשפארט דעם בויך פאר לייטן,
און אפן בויך דער צייגלעס
גישיינט האט פארן אוילעם...

א רייכע דאַמע אין קאַראַקול,
זי קוקט דער צווייטער אין די אויגן:
„באַווײַנט דעם פֿינצטערן סאַך־האַקל“ . . .

און פּלוצלונג מיט דער נאָז געפֿלויגן
און אַפּן גליטש זיך אויסגעצויגן. . .
היי היי!
הויבט זיך פֿון שניי!

דער הימל פֿינצטער, שוואַרץ.
קאַס, אומעט און קאַס
איבערפֿילט דאָס האַרץ,
שוואַרצער קאַס, הייליקער האַס. . .

— — — — — — —

באַבער ווי דו הייסט!
קוק, ווי דו גייסט!

דער שניי — ער פֿליט, דער ווינט שפּאַצירט
און כעוודע „צוועלף“ אין גאַס מאַרשירט.

די שוואַרצע רימענס פֿון געווער. . .
און פֿלעמלאַך פֿלעמלען הין און הער. . .
עס גליט אַ פּאַפּיראָס אין מויל,
דער גאַנצער הילעך וואויל און הויל. . .

די פֿרייהייט גייט! אַ וואַרע מאַכט
זי גייט, נאָר ניט פֿון קרייץ געפֿירט,
טראַק — טאַק — טאַק! . . .
עס פֿרירט, כאַווײַרימלאַך עס פֿרירט.

איוואַן מיט קאַטקען דאָרט אין שיינק.
דאָס געלט אין זאַק, זאָלזי אַ קריינק!
געוועזן אַ אונדזעריקער יאַט
און איצט אַ גוויר און אַ סאָלדאַט.
נו! וואַנקע, הינטיש בלוט, פּרוביר
זי נאָר אַ קוש טאָן, איך וועל דיר...

די פרייהייט גייט, אַ וואַרע מאַך!
און וואַנקען, קאַטקען לאָז געמאַך —
דאָס בלוט ניט רייץ!

די שוואַרצע רימענס פון געווער...
און פלעמלאַך פלעמלען הין און הער...
רעוואָלוציאָנערן שפּאַנען טריט:
דער פיינט איז וואַך, דער פיינט אונדז היט.
היי, כאַוועך, ציל זיך! זיי ניט פויל!

אין הייליק רוסלאַנד שיק דיין קויל,

אַז עס לאָזט זיך אונדזער בעוורע
דינען טריי דער רויטער פאָן,
דינען טריי דער רויטער פאָן —
סלעבן איינשטעלן אין קאָן!
לעבן — צוקער זים!
אַ מאַנטעלע אַ שיטערער,
און עסטרייכישע ביקס.
די בורזשויען אַף צעשטייער,
לאָמיר אויפבלאָזן אַ פייער
זינק אַ וועלט אין בלוט און פלאַם
גאָט וועט העלפן מין-האַסטאַם.

פליט א שליטן, לייכט געשפּאַנט,
איוואַן מיט קאַטמען האַנט באַ האַנט.
דער שניי ער דרייט, דער שמייסער שרייט,
א קליין לאַמטערל באַ דער זייט. . .
עך, גאַנצע לייט!

ער א יאַוון פון יעוואַנים,
מיט א רונט און נאַריש פּאַנים,
דרייט א וואָנצע, האַלט זיך גרויס,
און צעשמייכלט זיך און צעסייכלט זיך

אַ, דער וואַנקע, גאַר א העלד!
אי, דער וואַנקע לעבט א וועלט,
האַלט זיין מיידל ווי א גיבער
ציינגט זיין דיבער. . .

זי, דאָס קעפּעלע פאַרוואָרפט,
און די ציינדלאַך — וויים און שאַרף.
אך דו קאַטיע, זיסע מיידעלע,
גראָבע קניידעלע!

אף דיין העלדזל, קאַטיע מיינע,
איז נאָך פריש דער מעסער שניט;
אף דיין ברוסט, איי, קאַטיע פיינע,
נאָך דער רויטער צייכן גליט.
עך, עך, הויב די פיס,
מאַך א טענצל, צוקער־זיס!

האָסט געטראָגן דיינע העמדער
דין געהאָפטן אף דער ברוסט;
און געקויפט האָט יעדער פרעמדער
אָפיציר דיין פרעכע לוסט.

עך, עך, טרייב דיין לוסט,
עס פארגייט דאָס הארץ אין ברוסט.
דו גערייינקסט דיין אָפיצירל?
ווייסט ער וואָס מיין מעסער קאָן.
האָסט פארגעסן, אַ, כאָלערע,
נו, דערמאָן זיך, נו דערמאָן!
עך עך, שארף דיין מויעך.

נעם מיך שלאָפן, נעם מיך אויך.
עך, עך, זינדיק מיט,
מאך מיר פריילאך מיין געמיט!

און ווידער פליט א שליטן שנעל,
דער שוויים רייסט זיך אָן די קעל,
שטיי! שטיי! אנדרושא, העלף מיר צו!
פעטרוכא, לויף פון הינטן צו!
טראך, טאראראך! א בלינדע קויל. . .
געפאלן ווער איז שניי געקויל.
דער שליטן טראָגט עס, דרייט א מיל. . .
העי, ווידער ציל, באניי די שפיל!
טראך, טא—רא—ראך! אציגט. דו ווייסט,
א פרעמדע מיידעלע וואָס הייסט. . .

וואָס איז? ניטאָ? ער איז אוועק?
ניט היינט, וועט מאָרגן זיין דער עק!
און קאטקע וואו? מיט בלוט גייט אָפּ;
די קויל געטראָפן גלייך אין קאָפּ. . .
צופרידן קאַטקע? האסט פארדינט,
נו, ליג, פעגירע, פאר די הינט!
— — — — — — —

כאָר:

רעוואָלוציאָנער איז אונדזער טריט,
דער פיינט איז וואך, דער פיינט אונדז היט. . .
און ווידער אלע צוועלף איניינעם,
זיי שפּאנען פּאָרזיכטיק, באזאכט,
נאָר באַם מערדער, בא דעם איינעם,
דאָס פּאָנים פינצטער, ווי די נאכט.
און אלץ גיכער און גיכער,
אייליק וועקסלט ער די טריט,
אפן האלדז פּארדרייט דאָס טיכל
און פּארציט עס, און פּארציט. . .

כאווער, וואָס ביסטו ניט מונטער ?
האלסט דאָס קעפּל אפן ברוסט
דיינע שיפן זיינען אונטער ?
איז דיר באנג אף דיין פּארלוסט ?

אך, געטרייער ליבער ברודער !
כהאָב געליבט זי אָן א שיר,
און פיל נעכטלאך די מידע
ניט דערשלאָפן לעבן איר.

פאר דעם אימפּעט, פאר דעם ברייטן,
פאר איר פייערדיקן בליק,
פאר דעם כיין-פינטל דעם רויטן
אף איר אקסל אויסגעדריקט,
האָב איך זי געלייגט א טויטע,
האב איך אָפּגעטויט מיין גליק.
אך !

זע־נאַר זע! האָט זיך צעגאָסן;
ווייבערשע נעשאָמע דיין!
פּונקט אצינד האָט ער באשלאָסן
זיך פאר אונדז מיסוואדע זיין.

שוויינ, דערשאָסן — איז דערשאָסן;
זיי א מענטש און האלט זיך איין,
ניט קיין צייט אצינט צו קלאָגן,
און צו צאצקען זיך מיט זיך;
עפּיס שווערער איז צו טראָגן
אונדזער אלגעמיינע פליכט!

און פּעטרוכא איז שוין מאסקים,
ער פּאַרלאנגזאמט זיינע טריט,
און דאָס קעפּל הויבט ער האסטיק,
מיט א קלערערן געמיט!

עך, עך,
לאָז זיך וואוילגיין, שטעך און ברעך!
טיר און טויערן פארמאכט!
מען וועט רויבן היינט באנאכט!
פון די קעלערן ארויס!
וואויל און הויל האָט זיך צעברויזט!

פלי, בורזשוי, אין איין ציטערניש!
כוועל מיך נויקעם זיין
פאר דער ליבסטער מיין,
פאר איר טויט און פאר מיין ביטערניש!
און זיי פאר מיר א גוטער בעטער. . .

דער אומעט שטייגט
מען הערט ניט מער פון שטאָט דעם ברויזן;
די הויך פון נעווער טורם שווייגט,
מען זעט קיין וועכטער ניט אינדרויסן.
נו, כעוורע, אייער געוואורע צייגט!

— — — — — — —

נאָר איין בורזשוי, די נאָז אין קאָלנער,
באַם קרייץ פון גאסן שטייט אין שרעק;
דאביי, פון הונגער א געשוואָלענער,
א קרעציק הונט באהאלט זיין עק.

אליין באַם קרייץ פון גאסן שטייט ער
און שטום ער בליקט, און שטום ער פרעגט;
די אלטע וועלט, ווי זיין באגלייטער,
זי שטייט אראָפּגעלאָזט דעם עק.

שפּאנט, אָ, שפּאנט, רעוואָלוציאָנערן,
זאָל דער נאָענטער פיינט דערהערן!

פאָרויס, פאָרויס, פאָרויס!
דיין האם און קאם לאָז אויס!

פלאטערט ברייט
א רויט געוואנט.

ווער דאָרט גייט,
ווער לאנגזאם שפּאנט?

דער פיינט איז גרייט,
די שווערט אין האַנט. . .

און דער שניי פון בייז געוויטער
אַלץ פאַרשיט ער
מיט געברויז.

פאַרויס, פאַרויס, פאַרויס!
דיין האָס און כאַס לאָז אויס!

— — — — — — —

גייען צוועלף, די רויטע ריטער. . .
ווער איז נאָך דאָרט? גיי אַרויס!
עס פאַרלויפט זיי דאָס געוויטער
מיט אַ רויטער פאָן פאַראויס.

עס איז פון שניי אַ באַרג געוואַקסן,
ווער באַהאַלט זיך דאָרט אין שניי?
נאָר דער אַלטער הונט, דער אַקסן,
לאַנגזאַם שלעפּט ער זיך נאָך זיי.

אַלטער הונט ניט וואַג צו קריכן,
כשינד פון דיר דיין האַרטע פעל!
אַלטע וועלט, צום הונט געגליכן,
רוק זיך אָפּ! איך מאַכ אַ טעל!

קנאַקט דער קעלעוו מיט די ציינער,
שטייט ניט אָפּ, באַהאַלט זיין עק.
הונט דו איינער. . . הויט און ביינער. . :
ווער דאָרט גייט עס? ווער, איך פרעג!

ווער פון ווייטן מאַכט אונדז צייכן,
מיט דער רויטער פאָן ער ווינקט?
ווער דאָרט שפּאַנט אין שניי דעם בלייכן,
שטייגט ארויף און ווידער זינקט?
כאַוועך, שטיי נאָר! כאַוועך, הער נאָר!
מער אין שניי זיך ניט באַהאַלט!
גיב זיך אונטער! זיין וועט ערגער!
גיי ארויס, מיר שיסן באַלד!

טראַך—טאַך—טאַך! און נאָך דער עכאָ
גרייכט פון באָדן ביז צום דאַך,
נאָר דער ווינט אין אימפּעט פרעכן,
שיסט ער אויס אַ ווילד געלאַך
טראַך—טאַך—טאַך!
טראַך—טאַך—טאַך!

— — — — — — —

צוועלף מאַרטירער, צוועלף רעגירער
שפּאַן און שפּאַן פון הונט געשפּירט
און די פאָן איז זייער פירער . . .
ניט צו זען אין שניי-געקנויל,
ניט צו טרעפן דורך אַ קויל,
לייכט און מילדער פון געוויטער,
וויים פון זילבערנעם געשפּליטער,
אין אַ רויזן-קראַנץ געצירט,
האָט כריסטאָס די צוועלף געפירט.

י. ל. פּרץ.

די צוויי ברידער

אַף יענער זייט ים, איז געשטאַנען אַמאָל
אַף הינערשע פיסלאַך א הייזל אין טאָל
געשטאַנען זיך פּראָסט אָן אַזעם און שטאָלץ
אָן פּוצעכץ אָן צירונג — פון ליים און האָלץ
א פענצטער א קליינטשיקעס נאָר, כיינעווידיק האָלד;
די זון זי באַשיט עס טאָג-טעגליך מיט גאָלד!
לעוואָנע און שטערן
פארהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שויבן!
דאָס האָט דער הימל די ליבע באַלוינט
עס האָבן אין הייזל צוויי ברידער געוואוינט
ס'האַלטן צוויי הערצער צוזאַמען געטריי,
שווער איז די ארבעט, נאָר סאַרבעט זיך פריי!
וויים איז דאָס מעבל, מיט קלייען דאָס ברויט,
נאָר אַלץ איז באַשוטפּעס, די פרייד און די נויט!
סהאָט זיך געלעבט
די צייט האָט געוועבט
איר לאַנגן, איר כשר'ן פאָדים!
נאָר איינמאָל באַווייזט זיך א גאַסט אויף דער שוועל
פול גינגאָלד שמאַראַגדן, ס'פינקעלט זיין פעל!
די שלאַנג איז געקומען, מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט;
דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראַכט;
עס איז אַף דער וועלט דאָך אשירעס פאַראַן
ווען איך האָב אַ שמאַראַגט, איך אָרימער מאַן,
כ'פאַרקויף אים, וואָס ניט?
כ'וואָלט אפן יאַריד
געקויפט מיר צו מעלקן א קו!

די שלאַנגען זיי ווייסן, וואָס טראַכט זיך ביי לייט;
זי ווינקט אים און רופט אים אוועק אָן אַ זייט,
און זאָגט אים; איי, ברודער וואָלסטו נאָר געוואָלט,
וואָלסטו געהאַט שוין פול פּעסער מיט גאָלד,
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן אַ וועלט,
און אַלץ וואָס מען קען נאָר באַקומען פאַר געלט!
איך מאַך ניט קיין שפּאַס,
איך ווייס שוין דעם סוד,
איך קען דיר אים זאָגן אין וואַלד!

די שלאַנג איז אוועק און דער אינגערער קלערט:
ווי גאָט האָט זיך יעדעם זיין שיינקייט באַשערט;
גיי פרעג אים: דער גלאַנץ און די שיינקייט וואָס טויג,
ביים עלטערן פלאַמט שוין די טאַווע אין אויג;
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן, אַך, גאָט!
זי זאָל נאָר ניט נאַרן און זאָגן דעם סוד!
ער קוקט אַפן וואַלד,
און גאַנבעט זיך באַלד
פון ברודער אַרויס צו דער שלאַנג!

די זון גייט שוין אונטער, פאַר גאָלד נאָך די זוים
פון וואָלקן אין הימל; און אונטער אַ בוים
זיצן שוין ביידע דער מענש און די שלאַנג,
זיי זיצן צוזאַמען און שמוסן שוין לאַנג.
ער ציטערט און ווייסט ניט פאַר פרייד צו פאַר שרעק!
זי וויקלט דאָס האַרץ אים אַרום מיטן עק,
און רעדט פון דיאַמאַנטן,
קרעלן, בריליאַנטן,
„אַלץ וועסטו האָבן גאָר גרינג!"
באַטראַכט נאָר דיין ברודער, דאָס איז אַ פאַבריק
פון קרעלן, בריליאַנטן, דיאַמאַנטן און גליק!
סטרעפּט זיך ער אַרבעט און וואונדערליך הייס
ווערט אים, דער שטערן באַדעקט מיט שווייס

סטריפּן די טראָפּן ! . . . ער ווישט מיט דער האַנט ;
לאָז ניט ! דער טראָפּן דאָס איז א דיאַמאַנט !
נאָר ארבעט היים !
קלייב אף דיין שוויים !
שיטסטו אָן פעסער דיאַמאַנטן ! "

עס טרעפט און אים פאַלט פון די ברעמען א טרער ;
דו, שויטע, דו מיינסט, עס איז וואסער ניט מער.
דו טרייסט אים ; און האַלזט אים, דו האַלסט עס ניט אויס,
און קושסט אים די טרערן פון די אויגן ארויס !
פארשוואונסטו דיין פארמעגן, דו נארישער קאָפּ !
א טראָפּ, האָב פארשטאַנט,
דאָס איז א בריליאַנט
רייך וועסטו זיין ווי א קעניג ! "
דערנאָך האָט דיין ברודער אן איידעלע פעל,
א שטאָך מיט א נאָדל דו האָסט שוין א קרעל !
בלוט זאָגסטו איז עס, בלוט — זאָגסטו — א קאָפּ,
דו נאר ! עס איז קרעלן, דו צאָפּ נאָר און צאָפּ !
זאָל ער נאָר בלוטן און בלוטן ניט קארג !
אנשיטן וועסטו שוין קרעלן א בארג !
דו האָסט א פאבריק,
און מאך דיר דיין גליק,
ביסט שטארקער און ווייסט שוין דעם סוד ! "
די ליפּן פארביסן, די פויסטן געבאַלט
גייט שוין דער עלטערער ברודער פון וואלד,
די אויגן זיי ברענען און זיימען זיך שווארץ,
דאָך צאַפּלט די ליבע צום ברודער אין הארץ,
ער טרייסט זיך : איך וועל דאָך נאָר מאַכן א פּרואוו,
א שטאָך וועל איך געבן א קליינעם ניט טיף ;
מיין ברודער ? איך ווייס !
נאָר טרערן און שוויים,
הערסטו דאָך זיינען בריליאַנטן !

עס הערט די לוואָנע נאָך די אייגענע נאַכט,
ווי עס האָט אינם שטיבל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקן די שטערן אין פענצטער אריין:
ווי לאַכט עס א ברודער ביים ברודערס געוויין?!
ווי שלאָגט עס א ברודער דעם צווייטן אין קארק?
עס וואונדערט צוגלייך
דעם וואלד און דעם טייך:
וואָס איז עס אין שטיבל געשען?

און עס איז געקומען אףביידע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פארשוואונדן, עס וויינט זיי דער שלאָף
אוועק איז די ליבע, דער פרידן אוועק! —
דער שלאָפט ניט פאר ווייטאָג, דער צווייטער פאר שרעק,
דער שרייט; ס'איז מיין אשירעס, מיין רייכטום, מיין גוט!
און יענער; ס'איז טרערן, מיין שוויים און מיין בלוט!

דיאַם, דיאַם, דיאַם, דיאַם,
אף יענער זייט ים!
רייסט מען זיך שוין ביי די האָר.

אינהאַלט פארצייכנעס

זייט

פאָרוואָרט ... 3
אינטערנאציאָנאל ... 6
מיר ברעכן ... 7
דאָס נייע ליד ... 8
אָרימעס לעבן ... 9
אָ צי זיך ... 10
הוליעט, הוליעט ... 11
מארטירער בלוט ... 12
וואָלקנס ... 15
קירכן גלאָקן ... 16
די לענא ... 17
אהין, אהין ... 18
בין האַשמאָשעס ... 19
פרילינג ווערק ... 23
ייזקער ... 24
גליקלאכע סעקונדן ... 25
די פאָן ... 26
מיט גאָלדענע אויסיעס ... 27
מענדעלע מויכער ספאָרים ... 28
די מאנטלמאכער ... 29
מיר שניידער, מיר שניידער ... 31
אָ, פרייהייט ... 32
דורך טייכן בלוט ... 33
מיר זענען פרייהייט סאָלדאטן ... 34
מיין צעוואָע ... 35
וואכט אויף ... 36
דער אָוונט גלאָק ... 37
ארבעטער ברידער ... 38
און דו אקערסט און דו זייסט ... 39

זייט

די שוואוע 40
מיר טראָגן א געזאַנג 41
שובערטס סערענאדא 42
פייער גלוט 43
אונזער ליד 45
די מארסעליעזע 46
אין דער קוזניע 47
די בויער 48
איך וויים ניט 49
מיר גייען און זייען 50
שלאָף מיין קינד 51
די גאָלדענע פּאווע 52
אן אלטע קאשע 53
כאַרגאַדיע 54
יאַנקעלע מיט ריוועקעלען 56
הער נאָר, דו שיין מיידעלע 57
טרעטי, טרעטי 58
דאָס מעכטיגע ליד 59
צום בונד 60
די נייע רוסישע הימנע 61
צוזאמען כאווערים 62
שלאָף מיין קינד 63
צוועלף 64
די צוויי ברידער 75